## שיחות ודברות קודש לפרשת בלק משנת תשע"ג לפ"ק

### בניחום אבלים אצל בני הר"ר ליפא לעווי ע"ה שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה

יום א' פרשת בלק תשע"ג לפ"ק

**א' האבלים:** דער **סאמבאטהעלער רב** איז געווען מיין מוהל, ווען מיין טאטע האט געוואלט באצאלען, האט ער נישט געוואלט נעמען. האט מיין טאטע געזאגט, מל ולא פרע... (כאילו לא מל (שבת קלז:), ובדרך צחות מלשון פריעת חוב).

**רבינו:** אייער פאטער (הר"ר ליפא לעווי ע"ה) איז געווען א גוטער פריינד מיט מיין טאטע ז"ל. זיי זענען געגאנגען צוזאמען שניידען ווייץ.

**א' האבלים:** דער **שאפראנער רב** איז אויך מיטגעפארען שניידען ווייץ.

**רבינו:** דער **שאפראנער רב** איז געפארען מטעם די קהלה, מיין טאטע איז געפארען שניידען פאר זיך, און ווען זיי זענען געפארען שניידען, איז מיין טאטע מיט געפארען. עס איז נישט געווען אזוי קיין קארס מיט וואס צו פָארן, מיין טאטע האט געהאט א קאר, אבער די וואס זענען מיט געפארן זענען געפארן מיט די שארטליי"ן באס. עס איז נישט געווען קיין פלאץ אין די קאר, נאר פאר דריי מענטשען. - עס איז געווען, וואס מען איז געגאנגען שניידען ווייץ, און עס איז געווארן נאכט, און עס איז שוין נישט געווען קיין באס צוריקצוקומען, איז מען געשלאפן אין א האטעל אין די געגנט.

**א' האבלים:** עס איז געווען אמאל וואס מען איז דארט איבערגעשלאפען, און איך בין געווען דארט מיט מיין טאטען, און דער **שאפראנער רב**, און דער שמש רבי מענדל גרשון פעלדמאן. מיין טאטע מיט רבי גרשון זענען געשלאפן צוזאמען, און דער **שאפראנער רב** איז געשלאפן פאר זיך אליין, און איך האב נישט געהאט ווי צו שלאפן. האט מען מיר געזאגט, אז איך זאל גיין שלאפען מיטן **שאפראנער רב**. און איך האב געטראכט, אז קיינער וויל נישט שלאפן מיטן רב, וויל איך אויך נישט שלאפן. בין איך געשלאפן מיט מיין טאטען און רבי גרשון. איך טראכט אסאך מאל, ווער ווייסט וואס איך האב פארלוירען, אז איך בין נישט געשלאפן מיטן **שאפראנער רב**.

**רבינו:** אפשר האסטו פארדינט, אז דו האסט געגעבן כבוד פאר א תלמיד חכם...

### דברי תורה שנאמרו בסעודת שבע ברכות

יום ב' פרשת בלק תשע"ג לפ"ק

**מיר** האבן די וואך אין די פרשה, אז בלעם האט געוואלט שעלטען די יודען, און דער אייבערשטער האט מהפך געווען די קללה לברכה. עס איז דא פלעצער, ווי מען איז מדקדק צו מאכען שבע ברכות צוויי מאל אין טאג, ביינאכט און בייטאג. און דער טעם דערפון איז, ווייל ביי יעדע שבע ברכות, זאגט מען זיבען ברכות. צוויי מאל א טאג איז עס פערצען, זיבען טאג איז עס אכט און ניינציג. אזוי ווי עס איז דא צ"ח קללות, האט מען געוואלט, אז ווען דער חתן שטעלט אויף א שטוב, זאל זיין צ"ח ברכות, עס זאל משלים זיין, קעגן די צ"ח קללות פון די תוכחה.

**בלעם** האט אנגעהויבען איינע פון זיינע ברכות, מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל (במדבר כד-ה), ווי גוט זענען די געצעלטן פון יעקב, און די משכנות פון יודען. די פשוטע פשט איז אויך א שיינע פשט, אז די יודישע שטובער קוקען אויס שענער ווי די גוי'שע שטובער, עס איז מה טובו אהליך יעקב. און רש"י זאגט, אז ער האט געזען, אז עס איז אין פתחיהן מכוונין זה מול זה. ער האט געקוקט ווי אזוי די געצעלטען פון יודען זענען אויסגעשטעלט אינעם מדבר, האט ער געזען, אז די ארייגאנג צו די שטוב איז געווען אזוי אויסגעשטעלט, אז די פתח זאל נישט זיין מכוון איינע אקעגן די אנדערע. וואס

די פשוטע פשט איז, אז עס איז א מדה פון צניעות, מען זאל נישט ארייננקוקען ביי יענעם אין שטוב, היזק ראיה. און וועגן דעם האבען יודען אויסגעשטעלט אזוי די שטובער, אז די פתחיהן זענען נישט געווען מכוונות זה כנגד זה.

**יעדע** ברכה וואס דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש, איז אין די ברכה דא א שטיקעלע קללה אויך, ווייל מי שיש לו מנה רוצה מאתים (קה"ר א-לד), וויפיל א מענטש האט, איז ער קיינמאל נישט צופרידען, ער וויל אלץ האבען מער. ווילאנג ער האט א מנה וויל ער נאר מאתים, ווען דער אייבערשטער בענטש אים אז ער האט מאתים, הייבט ער אן צו ווערן הונגעריג אויף צוויי מאל מאתים. האט ער דריי מאל אזויפיל, וויל ער נאך מער. איז דאך די ברכה, קיינמאל נישט קיין שלימות'דיגע ברכה, ווייל אלץ פעלט אים נאך עפעס. און ווי מער דער אייבערשטער בענטשט אים, פעלט אים נאך מער. - אין הייליגע ספרים שטייט, ברכת ה' היא תעשיר ולא תוסיף עצב עמה (משלי י-כב), די ברכה פונעם אייבערשטען דארף זיין, תעשיר, אז דער באשעפער זאל געבן עשירות, ולא תוסיף עצב עמה, און עס זאל נישט מיטגיין דערמיט אויך א עצב, אויף דעם וואס ער האט נישט, נאר עס זאל זיין מיט א צופרידענהייט.

**די** סיבה פארוואס א מענטש איז נישט צופרידען איז, ווייל ער קוקט וואס דער חבר האט, און אז דער חבר האט מער, און ער האט ווייניגער איז ער אומצופרידען. ווייל ער וואלט אויך געוואלט האבען, דאס וואס דער חבר האט. והשבע לעשיר איננו מניח לו לישן (קהלת ה-יא), עס איז דא צוויי פשטים דערין, די פשוטע פשט איז, אז דער עושר האט אזא שובע, און ער איז אייביג פארטון אין זיינע געשעפטען, אז ער שלאפט נישט רואיג. וואס וועט זיין אין דעם מקום, און וואס וועט זיין אין יענעם מקום. די וועלט טייטשט אבער, והשבע לעשיר איננו מניח 'לו' לישן, דער ארימאן קען נישט שלאפען, פון די שובע וואס דער עושר האט. עס שטערט אים אז יענער האט, און ער האט נישט.

**על** כל פנים, די ברכה וואס דער אייבערשטער גיט, איז נישט אייביג א שלימות'דיגע ברכה. ווייל ער קוקט אויף וואס יענער האט, און ער וויל אלץ האבען מער. אמאל דארף ער אפילו נישט אזוי וויכטיג דאס וואס ער האט, נאר אז יענער האט עס, דארף ער עס אויך האבען. אדער וויל ער, אז יענער זאל נישט האבען מער פון אים.

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז ווען מען איז ארויסגעגאנגען צו א מלחמה האט מען אויסגערופן, אז איינער וואס איז ארס אשה ולא לקחה, ילך וישוב לביתו, שמא ימית במלחמה ואיש אחר יקחנה. אויב ער האט נאך נישט מחנך געווען זיין בית, זאל ער צוריקגיין פון די מלחמה, פן ימות במלחמה ואיש אחר יחנכנו (דברים כ-ה). און רש"י זאגט, אז עס איז א דבר של עגמת נפש, האט מען נישט געוואלט מצער זיין דעם מענטש, אז ער זאל ארויסגיין אין אזא פאל אין א מלחמה. לכאורה די עגמת נפש איז אז ער וועט שטארבען אין די מלחמה, און ער וועט נישט קענען מחנך זיין, זיין שטוב. אדער ער וועט נישט קענען חתונה האבען, מיט די אשה וואס ער האט צוגעגרייט. אבער דער פסוק זאגט נישט דאס. דער פסוק זאגט, אז די עגמת נפש וועט זיין, 'ואיש אחר יקחנה', 'ואיש אחר יחנכנו'. ביי אירוסין וועט אים ווי טון, נישט אז ער האט איר נישט גענומען, נאר אז ער וועט שטארבען, וועט איר א צווייטער נעמען. און ווען ער האט מחנך געווען א בית, וועט אים נישט ווי טון, אז ער וועט נישט קענען מחנך זיין דעם בית, נאר עס וועט אים ווי טון, אז 'ואיש אחר יחנכנו'. עס טוט אים מער ווי, דאס אז יענער וועט עס נעמען, ווי דאס אז ער אליין האט עס נישט. דאס ווייזט א מוסר השכל פארן מענטש, אז **אמאל איז א מענטש אומצופרידען, נישט ווייל ער איז בעצם אומצופרידען, נאר ער קוקט אז ער וואלט געקענט האבען שענער און בעסער וכדומה, און ער האט עס נישט. דאס שטערט אים, אז ער האט נישט די צופרידענהייט.**

**די** וועלט טייטשט, מען זאגט ביי די שבע ברכות, שמח תשמח רעים האהובים, דער

באשעפער זאל משמח זיין די רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם. אזוי ווי דער אייבערשטער האט משמח געווען אדם הראשון, בגן עדן מקדם. אדם הראשון האט אים דער אייבערשטער געגעבן חוה, און ער איז געווען בשמחה, עס איז נישט געווען קיין אנדערע אשה אויף די וועלט. ער האט נישט געהאט אויף וועם צו קוקען, אז א צווייטער האט מער פון אים. און כלליות'דיג אין די וועלט איז ער געווען איין מענטש אליין. ער האט געהאט די גאנצע וועלט, ער האט פארמאגט אלעס, און עס איז נישט געווען אויף וואס ער זאל האפען. און עס נישט געווען שייך ביי אים, אז ער זאל האבען א זאך וואס שטערט אים צו זיין שמחה, ווייל ער האט אלעס געהאט, האט ער געקענט זיין פרייליך. אבער היינט אז עס איז דא אנדערע מענטשען אויך אויף די וועלט, נגידים מיט עניים, קוקט איינער אויפן צווייטען, און עס שטערט אים זיין שמחה.

**ווען** א מענטש טוט א שידוך זוכט ער דאך די בעסטע וואס ער קען טרעפן, און עס איז נישט שייך צו זאגן אז ער האט געטראפן די בעסטע וואס עס איז דא, ווייל פון אלעם איז דא נאך בעסער, עס איז דא מער געלונגענער, עס איז דא בעסערע שטובער, נגידישע שטובער, גרעסערע יחסנים. און אפילו מען טרעפט שוין אלעס, מיטן גאנצן שלימות, פעלט נאך אלץ, ווייל מען קען טרעפן נאך מער און נאך מער. איז מען מתפלל שמח תשמח רעים האהובים, דער באשעפער זאל משמח זיין די רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, פונקט אזוי ווי דער אייבערשטער האט משמח געווען אדם הראשון בגן עדן, איז דאך די שמחה געווען א שלימות'דיגע שמחה, עס איז נישט געווען וואס ער זאל ארויפקוקען אויף א זאך וואס ער האט נישט געהאט, און ער זאל עס וועלן האבען, איז דאך די שמחה געווען א שלימות'דיגע שמחה. איז מען מתפלל שמח תשמח רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם.

**בלעם** האט געוואלט בענטשען יודען, קען דאך אמאל זיין אין די ברכה, אז עס זאל זיין תוסיף עצב עמה, ער וועט בענטשען אז עס זאל זיין נאך מער און נאך מער, און ער וועט זעהן אז זיין חבר האט מער, וועט עס אים דאך שטערן. ער האט אבער געקוקט אויף די אהלים פון יודען, און ער האט געזעהן, אז אין פתחיהן מכוונים זה כנגד זה, קיינער קוקט נישט אריין ביים צווייטען, יעדער איז צופרידען מיט זיין שטוב. ער קוקט נישט אריין וואס טוט זיך ביי יענעם אין שטוב, צו יענער האט נאך מער פון מיר, יענער האט בעסער'ס פון מיר. קומט דאך אויס, אז יודען זענען אין אזא מדריגה, אז זיי זענען צופרידען מיט וואס זיי האבען, איז די ברכה וואס מען וועט זיי געבן, וועט זיין א שלימות'דיגע ברכה. עס וועט זיין ולא תוסיף עצב עמה, עס וועט נישט מיט ברענגען קיין עצב, פארוואס ער האט נישט אזויפיל וויפיל דער חבר האט, ווייל עס איז אין פתחיהן מכוונים זה כנגד זה, ער קוקט נישט אריין ביי יענעם אין שטוב. האט ער אנגעהויבען זיין ברכה, מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, ווי גוט זענען די אהלים פון יודען, אז יעדער וואוינט פאר זיך אליין, און קיינער קוקט נישט אריין וואס עס טוט זיך ביים אנדערן אין שטוב. און אז יודען זענען אין אזא מדריגה, קען מען זיי בענטשען, ווייל די ברכה וועט זיין א שלימות'דיגע ברכה.

**מען** זיצט דא ביי א סעודה פון א שבע ברכות, עס איז שמח תשמח רעים האהובים, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם. א מענטש קען נישט פון אלעם געניסן, נאר אדם הראשון האט געהאט אלעס. אבער על כל פנים די בעסטע שידוך וואס מען קען טון, האסטו געטון. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין שמח תשמח רעים האהובים, מען זאל קענען ווייטער אויפשטעלען א שטוב מתוך שמחה וטוב לבב, א בית נאמן בישראל. און די עלטערן זאלען זעהן אסאך יודיש נחת דקדושה. מיר זאלען זוכה זיין, וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

## בסיום מסכת יומא במסגרת חבורת ׳ובהם נהגה׳ שעל ידי קהלתנו הק׳

יום ב׳ פרשת בלק תשע״ג לפ״ק - בבית מדרשנו בוויליאמסבורג

**עס** איז ביי אונז אלע א שמחה, אנטייל צו נעמען ביי דעם היינטיגען סיום. יעדער סיום איז עבידנא יומא טבא לרבנן (שבת קיט.), און כל שכן ווען א ציבור האט מיט געהאלטען. מען האט פריער ארויסגעברענגט די חשיבות פון יעדען טאג וואס מען לערנט, און די אחדות וואס עס איז דא דורך די לימוד התורה, האט עס זיכער אן עקסטערע חשיבות.

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה, אז בלק מלך מואב האט געזוכט א וועג, ווי אזוי ער קען פטור ווערן פון יודען, איז ער געגאנגען און געשיקט נאך בלעם, כי ידעתי את אשר תברך מבורך ואשר תאור יואר (במדבר כב-ו), דו האסט א כח אז דו קענסט בענטשען, און דו קענסט שעלטען, און ער זאל קומען שעלטען יודען. און די גמרא (ברכות ז.) זאגט, אז דער כח פון בלעם איז געווען, אז ער האט געקענט מכוון זיין די שעה, וואס דער אייבערשטער איז כועס, וואס דעמאלטס איז א זמן פון דין. און די רגע קען נישט יעדער מכוון זיין, און בלעם האט געקענט מכוון זיין די רגע.

**בלעם** איז געקומען שעלטען יודען, האט דער אייבערשטער אזוי צוגעפירט, אז דער אייזל האט אים צוגעדריקט די פוס צו די וואנט, און בלעם האט געשלאגן דעם אייזל. און דער אייזל האט אים געפרעגט, מה עשיתי לך כי הכיתני זה שלש רגלים (שם כב-כח), דו האסט מיך שוין דריי מאל געשלאגן. און רש״י זאגט דערויף, אז ער האט אים געזאגט, דו ווילסט עוקר זיין א אומה, וואס איז חוגג שלש רגלים בשנה. יודען זענען חוגג יעדע יאר דריי ימים טובים, שלש רגלים, און דו ווילסט טשעפענען יודישע קינדער. און די מפרשים שטעלן זיך דערויף, דאס איז די איינציגע זכות וואס ער האט געטראפען אויף יודען, אז זיי זענען מקיים די מצוה פון שלש רגלים. יודען זענען מקיים אסאך שווערערע מצות פון די דריי ימים טובים. וואס האט ער ארויסגעברענגט כי הכיתני זה שלש רגלים.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בתורת משה קיא. ד״ה זה שלש רגלים) זאגט זייער א שיינעם געדאנק. אמת, יודען זענען א הייליג פאלק, יודען זינדיגען נישט, לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל, קיינער וויל נישט זינדיגען פארן אייבערשטען, יעדער זוכט צו גיין בדרכי התורה. אפילו פושעי ישראל, זאגט די גמרא (עירובין יט.), זענען מלאים מצות כרמון. אפילו א פשוטער יוד, איז מלא מצות פון צופרי ביז ביינאכט. וואו איז יא דא א מקום ווי עס קען חל זיין א פגם אויף יודען. אז מען נוצט נישט אויס די צייט ווי עס דארף צו זיין. איינע פון די מצות פון לימוד התורה איז, והגית בו יומם ולילה, ובהם נהגה יומם ולילה, יעדע פרייע מינוט וואס א מענטש האט, דארף ער עוסק זיין בתורה, און אין עבודת ה׳, און אין עשה טוב. אז א מענטש זאל אויסנוצען יעדע מינוט צו טון גוט, אויף דעם איז אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא (קהלת ז-כ), ער קען זיין א טוב, ער וועט נישט גיין עובר זיין א עבירה, ער וועט זיך היטן, און נישט זינדיגען מיט א לא תעשה, אבער מקיים צו זיין די מצות עשי׳ן ווי עס דארף צו זיין, אז א יעדע פרייע מינוט וואס מען האט, זאל מען עוסק זיין בתורה און עבודת ה׳, עס זאל זיין אנגעפילט זיין טאג, מיט מצות און מעשים טובים, דאס איז א זאך וואס נישט יעדער קען עס מקיים זיין. כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב, אינעם עשיית הטוב, ולא יחטא, דארט זאל ער נישט זינדיגען, דאס איז א זאך וואס עס קען דארט חל זיין ח״ו א קיטרוג אויף יודען.

**אבער** די גמרא (מנחות מא.) זאגט, אז אויף א עשה איז דער אייבערשטער נישט מעניש נאר בעידן ריתחא. קומט אויס, אז אויב עס איז נישט קיין עידן ריתחא, איז רואיג דער מצב, אפילו מען האט נישט אויסגענוצט די צייט. אפילו מען האט נישט מקיים געווען א עשה, קען נישט חל זיין א קללה אויף יודען, ווייל מען איז נאר מעניש בעידן ריתחא. אז בלעם האט געקענט

מכוון זיין די שעה פון א עידן ריתחא, האט ער געקענט אויסנוצען די צייט וואס דער אייבערשטער וועט כועס זיין אויפן כלל ישראל, אויף דעם וואס מען איז נישט מקיים דעם עשה טוב בשלימות. און וועגן דעם האט בלק גערופן בלעם, אז ער זאל שעלטען יודען, ווייל ער האט געוואוסט, אז יודען זענען א הייליג פאלק, און עס וועט נישט חל זיין אויף זיי א קללה. אבער ווען מען רעדט פון אזא צייט, וואס עס איז עשה טוב, מען דארף טון גוטס, און מען האט נישט געטון. אויף דעם קען חל זיין א קללה אין א עידן ריתחא. האט ער גערופען בלעם, אז ער זאל שעלטען יודען.

**די** גמרא (יומא לו.) זאגט אבער, אז א עולה איז מכפר אויף א עשה. קומט דאך אויס אז אפילו ווען מען פאלט אדורך, און מען האט עובר געווען אויף א עשה שבתורה, ברענגט מען א קרבן עולה, און די קרבן עולה איז מכפר דערויף. איז ווייטער נישטא קיין פראבלעם מיט א עידן ריתחא, אז עס וועט פאסירן עפעס א עונש אויף יודען, ווייל מען איז מקריב א קרבן עולה, און דער קרבן עולה איז מכפר. די גמרא (חגיגה ו:) זאגט, עולת תמיד העשויה בהר סיני (במדבר כח-ו), דאס אז מען דארף ברענגען א קרבן עולה, איז נאר געגעבן געווארן אויף הר סיני, אבער אין מדבר האבען יודען נישט מקריב געווען א עולת תמיד. קומט אויס, אז ווען יודען זענען געווען אין מדבר, איז נישט געווען קיין עולה, און עס איז נישט געווען וואס עס זאל מכפר זיין אויף א עשה. און בלעם האט געקענט מכוון זיין א עידן ריתחא, ממילא האט געקענט חל זיין די קללה.

**דאס** אז יודען קענען נישט ברענגען אדער מנדב זיין א עולה אין מדבר, איז נאר א געוועגליכע עולה. שלש רגלים, וואס יעדער יוד דארף ברענגען א עולת ראיה, זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, איז משמע אין די גמרא (שם) אז מען האט עס געקענט ברענגען אפילו אין מדבר אויך. קומט אויס, אז ווען עס איז געקומען די שלש רגלים, האט יעדער יוד מקריב געווען א קרבן עולה, און די עולה האט מכפר געווען אויף אלע עשין. קומט אויס אז בלעם האט נישט געהאט קיין כח, אז ער זאל קענען מקלל זיין יודען. האט אים דער אתון געזאגט, אתה רוצה לעקור אומה, דו ווילסט עוקר זיין א אומה, וואס איז חוגג שלש רגלים בשנה. אפילו מען ברענגט נישט קיין עולה א גאנץ יאר, אבער א עולת ראיה אין די שלש רגלים ברענגט מען יא. און א עולה איז דאך מכפר אויף א עשה, איז נישטא וואו עס זאל קענען חל זיין דיין קללה, און עס איז א שאד אז דו זאלסט גיין שעלטען יודען. ווייל אויף א לא תעשה זענען יודען נזהר, און זיי זענען נישט עובר דערויף. און אויף א עשה וואס מען פאלט יא אמאל אדורך, זענען זיי מקריב א עולת ראיה. און א עולת ראיה איז מכפר, אז אפילו אין אזא זמן וואס עס איז דא א עידן ריתחא, וועסטו זיי נישט קענען שעלטען.

**על** כל פנים, דער הייליגער **חתם סופר** ברענגט ארויס, אז מיר האבען נישט קיין פראבלעם מיט א לא תעשה, על כל פנים מען רעדט דאך אין כלליות. יודען היטן זיך, און מען גיט אכט, אז מען זאל נישט עובר זיין אויף א לאו אין די תורה. אבער ווען עס קומט צו א עשה, אויסנוצען די צייט, און עס אוועקגעבן פאר תורה, דארט נוצט מען נישט אויס אסאך מאל די צייט ווי עס דארף צו זיין. ווייל אז מען זאל וועלן אויסנוצען די צייט, קען מען מסיים זיין נישט נאר איין מסכת, נאר מען קען מסיים זיין אסאך מסכתות. איך זאג עס פאר מיר, איך ברענג נישט אן קיין צייט, אבער איך זעה, אז ווען מען האט אנגעהויבען צו לערנען 'ובהם נהגה', האב איך געקענט אריינשטופען נאך א מסכת, וואס סתם אזוי וואלט איך נישט געהאט קיין צייט דערויף. אבער אז מען מוז, האט מען נישט קיין ברירה, לערנט מען דא, און מען לערנט דארט, ביז מען איז משלים וואס מען דארף אנקומען.

**א** יוד איז שטענדיג עוסק אין תורה און אין תפלה. רוב מצות עשה, וואס א יוד איז מקיים אין משך פון זיין לעבן, אדער לערנט ער, אדער דאווענט ער, אדער זאגט ער תהלים. אין די צוויי חלקים איז דער עסק פון א יוד, תורה

ותפלה. און תפלה, האט אין זיך נאך א מעלה. תפלה דאס איז במקום קרבנות. מיר האבען היינט נישט קיין קרבנות, אבער די תפלה וואס מיר דאווענען, דאס איז במקום די תמידין. תפלת שחרית שתקן אברהם אבינו, דאס איז במקום תמיד של שחר. מנחה, איז במקום תמיד של בין הערבים. תפלת ערבית, איז במקום די אברים ופדרים (ברכות כו:). און די קרבן תמיד איז געווען א קרבן ציבור, און עס האט מכפר געווען אויף אלע עשין וואס יודען האבען געזינדיגט.

**ווען** א יוד ווערט נכשל אין א עשה, האט ער נישט קיין כפרה דערויף, ווייל עס איז נישטא קיין בית המקדש, וואו מען זאל קענען מקריב זיין די קרבנות. אבער ווען א יוד גיט אכט, אז זיין דאווענען איז מיט א שלימות, מיט כוונה, אזוי ווי א קרבן דארף צו זיין מיט כוונה. איינע פון די זאכען וואס איז מעכב ביי א קרבן, איז די כוונה אז עס זאל ווערן רצוי, עס מוז זיין לשם פונעם קרבן (זבחים מו:). די חלק פון תפלה, דאס איז די עולה וואס מיר דארפן האבען יעדן טאג, אויף די צייט וואס מען ברענגט אָן, און מען לערנט נישט, דאס איז א ביטול פון א מצות עשה. אין די תיקון דערויף איז, א קרבן עולה, וואס דאס איז בזמן הזה די תפלות.

**און** אז דאס איז אזוי א גאנץ יאר, כל שכן ווען עס קומען די זומער טעג, וואס פון איין זייט איז עס שווערע טעג, די נסיונות זענען גרעסער אינעם זומער. אבער פון די אנדערע זייט, איז אזוי חשוב די זומער'דיגע טעג, וואס מען קען עס אזויפיל אויסנוצען. **א מענטש קען האבען א געוואלדיגע עילוי אין די זומער טעג, ווען ער נוצט אויס די פרייע צייט. מען האט דאך נישט אזויפיל דאגות וויפיל מען האט במשך פונעם יאר, יעדער מענטש נעמט זיך דאך עפעס וועקעשא"ן, עפעס מנוחה, פון דעם וואס מען טוט במשך פונעם יאר. דארף א מענטש אויסנוצען די זומער, און זיך מער אריינלייגען אין לימוד התורה. עס איז דא אזויפיל פרייע צייט וואס מען האט, ווען מען זיצט אינדרויסען, מען זיצט אינטערן בוים, און מען רוהט זיך אפ, מען גייט שפאצירען. און א מענטש קען אנקומען, און אדורכלערנען כמה וכמה מסכת אין משך פונעם זומער, ווען ער זאל אויסנוצען די צייט.** מיר רעדן נישט פון גרויסע מדריגות, אבער על כל פנים אויף אזויפיל, אז די מסכתות וואס מען האט שוין געלערנט ביז יעצט זאל מען איבערחזר'ן, און ווייטער ממשיך זיין די פרישע מסכת, איז זיכער אז עס וועט זיין א גוטע התחלה פאר א מענטש אנצוהייבען אינעם זומער.

**מען** הייבט אן צו לערנען מסכת תענית. פון יעצט ביז סוף פונעם זומער, דארף מען ענדיגען די מסכת. אז מען ענדיגט א מסכת, באקומט מען א פרישען טעם, און א פרישען תענוג אין לימוד התורה, ווי מען האט פריער געהערט. מען קען מקדיש זיין אסאך שעות אין די זומערדיגע טעג, פאר תורה און עבודת ה', מער ווי מען קען אן אנדערע מאל. וואס אויסער דעם וואס תורה אליין, איז בעצם א תבלין קעגן דעם יצר הרע, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:), עס איז מציל אינעם סור מרע. אבער אין דעם עשה טוב אליין, קען ער צוקומען צו א חשק און א חשקות צום לערנען.

**מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען, אז עס איז היינט דא די גמרות, וואס מאכען אזוי גרינג דאס לערנען, אז עס איז פשוט א עבירה נישט צו לערנען. עס איז אזוי באטעמ'ט און א תענוג. אמאל האט מען זיך געדארפט פלאגען, און אז מען איז שטעקן געבליבען ערגעץ אין א שטיקל גמרא, האט ער געדארפט זוכען א פני יהושע וכדומה, מען זאל קענען מיט עפעס ארויסקריכען פון ווי מען האלט. דער אייבערשטער האט גרינגער געמאכט היינט דאס לערנען, תיכף ווען מען ווערט ערגעץ פארהאנקערט, ביז אפאר מינוט טרעפט מען תיכף וואס מען זוכט. און אויב עס איז א גוטע קשיא, לייגט מען עס אין די זייט, און מען גייט ווייטער. ווייל מען ווייסט כאטש, אז מען גייט אויף א ריכטיגע וועג, און מען פארשטייט די גמרא. עס איז אזוי באטעמ'ט ווען מען האט אדורכגעלערנט א בלאט גמרא, און מען פארשטייט קלאר וואס מען האט געלערנט, אז עס איז באמת א תענוג רוחני.**

**מען** האט מסיים געווען מסכת יומא. וואס עס האט אין זיך נאך א מעלה, אויסער די לימוד התורה. מען ווייסט וואס עס שטייט אין די גמרא (יומא פו.) אז עס איז דא ד' חילוקי כפרה. וואס אפילו ווען מען טוט תשובה, נישט אלעס ווערט מכופר. אויף א עשה נוצט תשובה, אויף א לא תעשה נוצט נישט קיין תשובה, נאר מען דארף אדורכגיין יום כיפור, און דארט ענדיגט זיך עס. פון נאכדעם אָן איז שוין נישט אזוי גרינג די כפרה. עס הייבט זיך אן מיט יסורים וואס איז מכפר אויף געוויסע עבירות. אמאל איז דא וואס נאר יום המיתה איז מכפר. עס איז שווער פאר א מענטש, ער זאל קענען אלעס מתקן זיין בחיים חיותו, רואיגערהייט אָן אדורכגיין יסורים וכדומה. און עס איז שווער פאר א מענטש אז ער זאל קענען זאגען, אז ער האט א תיקון פאר זיין נפש.

**מען** ווייסט אבער וואס עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' תשובה א-ב), אז די ארבעה חילוקי כפרה, דאס איז נאר דא היינט, וואס מיר האבען נישט קיין בית המקדש, און עס איז נישטא קיין שעיר לעזאזל, וואס זאל קענען מכפר זיין. בזמן שבית המקדש היה קיים, אז מען האט מקריב געווען דעם שעיר לה' און דעם שעיר לעזאזל, האט דער שעיר לעזאזל מכפר געווען אויף כל עוונות בית ישראל. און עס איז נישט געבליבען קיין איין עבירה, וואס עס איז נישט מכופר געווארן מיטן שעיר לעזאזל. די חוט השני איז נתהפך געווארן ללבן, עס איז געווארן ווייס, אלעס איז געווארען אפגעמעקט. מען דארף נישט קיין יסורים, מען דארף נישט קיין יום המיתה, אויף אלעם האט מכפר געווען יום הקדוש. היינט זאגט דער **רמב"ם** אז עס איז נישטא קיין שעיר לעזאזל, דעמאלטס איז דא די ד' חילוקי כפרה. יום כיפור איז ווייטער א כפרה, כי ביום הזה יכפר עליכם (ויקרא טז-ל), אבער עס איז נישט אזוי שטארק דער כפרת היום, נאר אויף א לא תעשה, נישט אז עס זאל קענען מכפר זיין אויף הארבער'ס פון דעם.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט פון **בעלזער רב, רבי ישכר דוב זי"ע**, אז אין ילקוט שמעוני (דברים תתקלב) שטייט, כשעירים עלי דשא (דברים לב-ב) אז דברי תורה זענען צוגעגליכען צו שעירים. מה שעירים מכפרין, אזוי ווי די שעירים פון יום כיפור האט מכפר געווען, אף דברי תורה מכפרין, איז דברי תורה אויך מכפר. האט דער הייליגער **בעלזער רב** געזאגט, פונקט ווי ביי די שעירי יום הכיפורים געפינט מען, אז עס האט מכפר געווען אויף אלעם, אף דברי תורה מכפרין, אזוי אויך איז די כפרה פון לימוד התורה, עס איז אזא שטארקע כפרה, אזוי ווי די שעירי יום הכיפורים, וואס עס איז מכפר אויף אלעס.

**מיר** האבען טאקע נישט היינט קיין בית המקדש, און מיר האבען נישט קיין קרבנות. אבער מסכת יומא איז געבליבען. א גאנץ יאר האט מען עוסק געווען אין הלכות יום הכיפורים, די קרבנות פון יום כיפור, און די עבודה פון יום כיפור, און פון דעם שעיר לעזאזל פון יום כיפור. כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה (מנחות קי.), אז מען האט עוסק געווען אינעם יום הקדוש, האט מען עוסק געווען אין דעם הקרבת הקרבנות, וואס איז געווען יום הקדוש, און דאס איז מכפר אויף אלעם. עס איז א געוואלדיגער זכות, אז מען האט געהאט די געלעגענהייט, צו קענען אדורכלערנען מיט אלע פרטים, די הלכות פון די עבודת היום.

**מען** גייט אריין אין דעם זומער, זאל אונז באגלייטען די תורה הקדושה וואס מען האט געלערנט ביז יעצט. און די קבלה וואס מען נעמט אויף זיך, אז מען וועט ווייטער ממשיך זיין און ענדיגען אי"ה די קומענדיגע מסכת, זאל אונז אפהיטען. **מען דארף משפיע זיין איינער אויפן צווייטען, און מזכה זיין את הרבים. יעדער דארף זעהן צוצוציען נאך איין יונגערמאן צו די חבורה, וואס זאל ווייטער ממשיך זיין און לערנען די מסכת.** מען זאל פראבירען איין זומער, מען האט דאך מער פרייע צייט אינעם זומער, ווי אן אנדערע מאל. זאל מען נעמען אויף זיך גומר צו זיין די מסכת. זאל דער אייבערשטער געבן, אז דער זכות פון תורה, זאל אויף אונז מגין זיין. תורה איז מגין אויף אלעם, תורה איז א שמירה פאר א יוד אין אלע ענינים וואס מען דארף צו האבען. און אזוי ווי מען האט מסיים געווען די

מסכת, זאל מען קענען מסיים זיין די קומענדיגע מסכת, און אסאך אנדערע מסכתות. מיר זאלען זוכה זיין אלע אינאיינעם אנטקעגן צו גיין משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר חנניא יו"ט ליפא מאטיאש הי"ו

יום ד' פרשת בלק תשע"ג לפ"ק

**מיר** האבן די וואך אין די פרשה, אז בלעם האט געוואלט שעלטען די יודען, און דער אייבערשטער האט מהפך געווען די קללה לברכה. און צווישן די ברכות האט ער געזאגט, מי מנה עפר יעקב ומספר את רובע ישראל (במדבר כג-י). אין תרגום שטייט, מי מנה עפר יעקב, גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, וואס יודען מל'ן זיך, און מען נעמט די ערלה, און מען טוט עס טומן זיין בעפר. מי מנה עפר יעקב, ווער קען ציילען די חשיבות פון מצות מילה, וואס מען איז עס מקיים בעפר, ומספר את רובע ישראל.

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז די גמרא (שבת פט:) זאגט, אז לעתיד וועט דער אייבערשטער זאגען פאר אברהם, און פאר יעקב, בניך חטאו, יודען האבען געזינדיגט. און זיי וועלן צוריקענטפערן, ימחו על קדושת שמך. און יצחק וועט מלמד זכות זיין. בניך ולא בני, זיי זענען נישט נאר מיינע קינדער, נאר זיי זענען אויך דיינע קינדער. און ער וועט אנהייבען צו מאכען א חשבון פון די יארן פון א מענטש, וויפיל א מענטש לעבט. אויף די ערשטע צוואנציג יאר, איז מען נישט מעניש. און מען וועט אראפרעכענען די האלבע וואס איז נאכט, און נאך א פערטל פונעם טאג וואס גייט אוועק פאר עניני עולם הזה, איז געבליבן נאר א פערטל טאג. און אויף דעם פערטל טאג וועט ער זאגען פארן רבונו של עולם, אדער נעמסטו אלעס אויף דיר, אדער פלגא עלי ופלגא עלך, מיר וועלן זיך צוטיילען, און אז נישט, נעם איך עס אינגאנצן אויף מיר.

**קומט** אויס, אז דער חשבון פונעם מענטש אויף זיין עבודת ה', איז נאר אויף א פערטל פונעם טאג. די נעכט איז נישטא, א פערטל פונעם טאג גייט אוועק אויף אנדערע זאכען, איז ממילא נישט געבליבן נאר א פערטל פונעם טאג. אז מען צוטיילט א פערטל פונעם טאג, וואס דאס איז זעקס שעה, און דער אייבערשטער נעמט דריי שעה, און יצחק וועט נעמען דריי שעה. אויף דעם זאגט מען הושענא שלש שעות, אויף די דריי שעה וואס מען דינגט זיך.

**על** כל פנים, איז דא נאר א רובע פונעם טאג, וואס יודען דינען דעם אייבערשטען. אבער א יוד איז די אנדערע פערטל טאג, וואס מען איז עוסק אין עניני עולם הזה, אויך מקיים בכל דרכיך דעהו. מען דינט דעם אייבערשטען אויך מיט די גשמיות'דיגע ענינים. ווען א יוד גייט ארויס צו זיין פרנסה, און ער האט א ריינע מחשבה, ער טוט עס כדי ער זאל קענען ברענגען פרנסה, און ער זאל נישט דארפען גנב'ענען, און גזל'ענען. ער זאל קענען מחנך זיין זיינע קינדער ערליך, און ער זאל קענען געבן צדקה וכדומה, נמצא עובד את בוראו תמיד. דינט ער דעם אייבערשטען אפילו דעם פערטל טאג, וואס עס גייט אדורך אין עניני עולם הזה.

**מצות** מילה ווייזט, אז א יוד דארף מקדש זיין אלע עניני גשמיים פארן אייבערשטען. מי מנה עפר יעקב, ווער קען ציילען די חשיבות פון די מצוה פון מילה, וואס יודען זענען מקיים בעפר. ומספר את רובע ישראל, אפילו די פערטל וואס עס איז געבליבן, וואס מען איז עוסק אין עניני גשמיים, האט אויך א חשיבות ביי א יוד, און ווער קען ציילען דעם רובע. מען רעדט נישט פון דעם רובע וואס מען איז טאקע עוסק אין תורת ה', נאר אפילו אין די עניני גשמיים, וואס א יוד איז עוסק, ווערט עס אויך גערעכנט פאר א דבר מצוה.